דברים תשפ"ו
גליון 291

# דעם רבינ'ס ליכט



אַיְיעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיְין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## מֶען בֶּענְקְט אַהֵיים

דֶער שַׁבָּת רוּפְט זִיךְ "שַׁבָּת חֲזוֹן" וַוייל דֶער אָנְהֵייבּ פוּן דִי הַפְטוֹרָה הֵייבְּט זִיךְ אָן "חֲזוֹן יְשַׁעְיָהוּ". רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט אִין עֶטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער אַז דִי שַׁבָּתִים פוּן דִי דְרַיי וָואכְן זֶענֶען גָאר הוֹיכֶע שַׁבָּתִים, וַוייל שַׁבָּת וַוייזְט אוֹיףְ אוֹיפְן צַדִּיק הָאֱמֶת וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן שַׁבָּת, עֶר קֶען גֶעבְּן אַ תִּיקוּן אוֹיף גָאר גְרוֹיסֶע עֲבֵרוֹת. אַזוֹי וִוי חז"ל זָאגְן: "כָּל הַשּׁוֹמֵר שַׁבָּת כְּהִלְכָתוֹ אֲפִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדָה זָרָה, מוֹחֲלִין לוֹ כָּל עֲווֹנוֹתָיו – וֶוער עֶס הִיט דֶעם שַׁבָּת וִוי דִי הֲלָכָה אִיז, אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע זַיינֶע זִינְד". אַזוֹי אוֹיךְ וֶוער עֶס גְלַייבְּט אִינֶעם צַדִּיק אוּן רוּפְט זִיךְ אוֹיף זַיין נָאמֶען הָאט שְׁטֶענְדִיג אַ תִּקְוָה, אוֹיבּ מֶען הַאלְט זִיךְ אִין צַדִּיק אוּן זַיינֶע עֵצוֹת אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען אִיז גָאר טִיף אַרָאפְּפַאלְן וֶועט דֶער צַדִּיק אִים צוּם סוֹף פַארְרֶעכְטְן.

אוֹיף דֶעם קְלָאגְן מִיר אוּן מִיר וֵויינֶען אִין דִי טֶעג, בִּפְרָט אִין תִּשְׁעָה בְּאָב זִיצְן מִיר אַלֶע אוֹיף דֶער עֶרְד, מֶען לֶערְנְט נִישְׁט מ'לֵייגְט נִישְׁט קַיין טַלִית וּתְפִילִין צוּ וַוייזְן אַז אָן דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אוּן אָן דִי צַדִּיקֵי הָאֱמֶת וֶועלְכֶע זֶענֶען נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן בַּעֲווֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים הָאבְּן מִיר נִישְׁט קַיין שׁוּם חִיּוּת.

מִיט דִי בְּכִיָּה אַז מֶען וֵויינְט אוּן מֶען זוּכְט דֶעם צַדִּיק בַּאוַוייזְט עֶר זִיךְ. אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי בֶּעטְלֶערְס אַז דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועלְכֶע זֶענֶען פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן אִין וַואלְד אוּן גֶעזוּכְט אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט, וֶוען עֶס אִיז זֵיי אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען דָאס בְּרוֹיט, הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בֶּענְקֶען נָאכְן בֶּעטְלֶער וָואס הָאט זֵיי שׁוֹין אַמָאל גֶעבְּרֶענְגְט אִין וַואלְד צוּ עֶסְן, גְלַייךְ וִוי זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּענְקְט, אָט אִיז עֶר דָא! עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ גֵיין אַ בֶּעטְלֶער. אַז מִיר וֶועלְן בֶּענְקֶען אוּן טוּן דִי שֵׁיינֶע עֵצוֹת פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וֶועט עֶר זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אוּנְז אוּן אוּנְז לִיכְטִיג מַאכְן.

רֶבִּי נָתָן אִין הִלְכוֹת עָרֶב שְׁרַייבְּט אַז אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן אוֹיף וָואס מֶען קְלָאגְט אִין דִי טֶעג אִיז, אַז מִיר קֶענֶען נִישְׁט הָאבְּן רָצוֹן בִּשְׁלֵמוּת. רָצוֹן מֵיינְט, וֶועלְן טוּן נָאר דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶערְ'ס וִוילְן! אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז גֶעוֶוען אַזַא לִיכְט פוּן רָצוֹן, דָארְט הָאט גֶעשַׁיינְט אַזַא קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, אַז יֶעדֶער אִיד וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט נָאר גֶעוָואלְט אֵיין זַאךְ, טוּן דֶער רָצוֹן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן!

הַיינְט וָואס מִיר הָאבְּן נִישְׁט דֶער רָצוֹן בִּשְׁלֵמוּת דַארְף מֶען וֵויינֶען אוּן בֶּענְקֶען, דֶער עִיקָר אִיז וֵויינֶען אוֹיף אוּנְזֶערֶע נִישְׁט רִיכְטִיגֶע מַעֲשִׂים וָואס הָאבְּן גוֹרֵם גֶעוֶוען חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וַוייל חז"ל זָאגְן: כָּל מִי שֶׁלֹּא נִבְנֶה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו – אוֹיבּ דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז נִישְׁט גֶעבּוֹיט אִין אוּנְזֶערֶע טֶעג, וֶוערְט עֶס פַארְרֶעכְנְט אַזוֹי וִוי עֶס אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן אִין אוּנְזֶערֶע טֶעג.

מִיר וֵויינֶען אַזוֹי וִוי אַ קִינְד וָואס אִיז פַארְלוֹירְן גֶעוָוארְן

נתנדב לעילוי נשמת ר' משה יוסף ז"ל בן ר' ירוחם שמחה לייב, לזכות שנזכה בקרוב להוציא לאור ספרו הק' פניני נצח, שו"ת על ליקוטי מוהר"ן

אוּן וַויינְט אוּן בֶּענְקְט צוּ זֶען זַיין טַאטֶע מַאמֶע, וָואס דָאס אִיז גּוֹרֵם גָאר אַ שְׁטַארְקֶע בֶּענְקְשַׁאפְט אוֹיף דִי עֶלְטֶערְן. אַזוֹי אוֹיךְ וֶועט דָאס הַיינְט גּוֹרֵם זַיין אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל זִיךְ שׁוֹין מְרַחֵם זַיין אוֹיף אוּנְז זַיינֶע קִינְדֶער אוּן עֶר וֶועט אוּנְז בְּקָרוֹב צוּרִיק בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַזוֹי חז"ל זָאגְן: כָּל הַמִּתְאַבֵּל עַל יְרוּשָׁלַיִם – וֶוער עֶס טְרוֹיעֶרְט אוֹיף יְרוּשָׁלַיִם, זוֹכֶה וְרוֹאֶה בְּשִׂמְחָתָהּ – וֶועט זוֹכֶה זַיין אִיר צוּ זֶען אִין אִיר פְּרֵייד.




*אין קורצן פון פריער:*

*דער רבי'נס טאכטער, פייגא איז ליידער נפטר געווארן אלס קליין קינד. מען באהאלט פון רבי'ן די בשורה אבער דער רבי לאזט פאלן רמזים אז ער ווייסט גאנץ גוט וואס ס'טוט זיך...*

*עטליכע וואכן שפעטער באפעלט דער רבי מען זאל אים אנטפלעקן וואס ס'איז געשען. דער רבי דערציילט אז די טאכטער איז געקומען צו אים מיט טענות אז מען האט איר געטראגן צו א דאקטאר, א כישוף מאכער ר"ל. אצינד אז ער דארף זיך פארען מיט איר תיקון, מוז מען אים זאגן אז זי איז נפטר געווארן.*

אצינד ליינט ווייטער:

## רבי נתן שליסט דאס אבילות יאר

זונטאג פרשת נח, ב' חשון, האט רבי נתן אויפגעהערט צו זאגן קדיש נאך זיין אומפארגעסליכע מאמע, הרבנית הצדיקת חי' לאנע ע"ה, וועלכע איז נפטר געווארן עלף חדשים פריער - דאנערשטאג פרשת תולדות, ב' כסלו תקס"ד.

יענעם שבת, א טאג איידער רבי נתן האט געזאגט דעם לעצטן קדיש שליסנדיג דעם אבילות יאר, האט דער רבי געזאגט א תורה אין וועלכן ער האט אריינגעפלאכטן דער ענין פון קדיש (ליקוטי מהר"ן סימן קע"ז).

זונטאג האט רבי נתן געפרעגט וואס ער קען טון לעילוי נשמתה פון זיין מאמע. האט דער רבי אים געענטפערט, אז ער זאל זאגן די ברכה אשר יצר מיט כוונה לעילוי נשמתה – 'א ערנסטע אשר יצר'.

### דער רבי הייסט מחדש זיין חידושי תורה

דורכאויס דעם ווינטער, האט דער רבי געהייסן פאר רבי נתן און זיינע אנדערע תלמידים אז זיי זאלן אריינטראכטן אין תורה אויף אן אופן צו

קענען אויפקומען מיט פרישע חידושי תורה, אבער ער האט זיי נאכנישט געהייסן דאס אראפשרייבן. דער רבי האט געזאגט פאר רבי נתן אז יעצט זאל ער נאר קלערן און טראכטן און ביי אן אנדער געלעגנהייט וועט ער אים שוין הייסן שרייבן.

אין יענעם יאר, שבת חנוכה, האט דער רבי אריינגעפלאכטן אין די תורה (ליקוטי מהר"ן סימן נ"ד) א שמועס איבער דעם כח וואס א איד פארמאגט צו קענען פארגלייכן איין ענין צום צווייטן ביים מחדש זיין חידושי תורה. דערביי האט דער רבי ארויסגעברענגט די וויכטיקייט זיך צו אפהיטן פון ווערן פארשלעפט צו צאמשטעלן צוויי ענינים אויף אן אומריכטיגן אופן. צומאל קען זיך מאכן ביי חידושי תורה אז פון אויבנאויף קוקט אויס ווי דעם גאנצן ענין איז זייער שיין צאמגעשטעלט אבער אין אמת'ן איז עס נישט אויסגעהאלטן.

דער רבי האט דאן געזאגט צו זיינע חסידים, אבער ער האט געמיינט ספעציפיש זיין גרויסער תלמיד רבי נתן: "איך האב אייך שוין געגעבן פאסיגע כוחות צו קענען ריכטיג פארגלייכן איין זאך צום צווייטן ביים מחדש זיין חידושי תורה."

דער רבי האט ווייטער געזאגט אז מחדש זיין חידושים איז א תיקון אויף מחשבות זרות. און ער האט צוגעלייגט, "אפילו אן איינצעלנע חידוש איז אויך זייער גוט."

נאך א נקודה האט דער רבי ארויסגעברענגט איבער דעם ענין פון מחדש זיין חידושי תורה, אז דאס איז א זכות פאר דער נשמה פון די עלטערן און אור־עלטערן אויף יענע וועלט.

## דער אמת'ער אמת

אין די פריערדיגע קאפיטלען האבן מיר געשילדערט ווי דער פאטער פון רבי נתן וויל ער זאל נעמען אחריות אויף די פרנסה אין שטוב אין צוגאב צו זיין לערנען תורה, אבער רבי נתן קען נישט אפלאזן די תורה אפילו בלויז פאר די ביסל צייט וואס עס געדויערט צו טון משא ומתן. ענדליך האמערט מען אויס א פלאן אז רבי נתן וועט זיין א געלט שותף אין די געשעפטן און אזוי ארום וועט ער באקומען א געהאלט אויף א מכובד'יגן אופן.

זינט דאן איז שוין אריבער בערך א יאר מיט א האלב, וואס רבי נתן האט געקענט זיצן און לערנען אומגעשטערט. ליידער האבן די געשעפטן אנגעהויבן זיך צו וואקלען און די הכנסות איז זייער איינגעשרימפן געווארן. אין ליכט פון די לעצטע אומשטענדן, האט רבי נתנ'ס שווער אים צוגעשטופט אז ער זאל אננעמען א רבנות פאסטן.

דער שווער אליין איז געווען רב אין עטליכע שטעט און האט געהאט א ווארט אויפצונעמען דעם איידעם מיט א מכובד'יגן פאסטן.

רבי נתן וועט גארנישט טון אן דעם רבינ'ס הסכמה. און ווען ער האט זיך שואל עצה געווען מיט'ן רבי'ן, האט אים דער רבי געהייסן אננעמען דעם פאסטן.

"אבער איך האב מורא פון די געוואלדיגע אחריות וואס אזא פאסטן ברענגט מיט זיך ווען מען פרעגט פארשידענע שאלות," האט רבי נתן זיך

אפגערעדט.
"ווער דען זאל זיין רב, ווער עס האט נישט מורא?" האט רבי אים געענטפערט.
רבי נתן האט אבער נישט נאכגעלאזט, "איז דאס טאקע דער אמת – איז דאס די ריכטיגע זאך פאר מיר?"
"יא!" איז געווען דער רבינ'ס ענטפער.
"רבי נתן האט דאן צוגעדרוקט: "אבער צי איז עס דער אמת'ער אמת?"
"דו זוכסט דער אמת'ער אמת? דאן דארפסטו קיין רב נישט זיין" איז געווען דעם רבי'נס אויספיר.

רבי נתן האט שפעטער געשריבן אז ער דאנקט דעם אויבערשטן וואס האט אים אפגעהאלטן פון אננעמען דאס רבנות פאסטן, ווייל דאס וואלט אים זיכער געשטערט פון שטייגן אין עבודת השם. אזוי אויך וואלט ער נישט געהאט מעגליכקייט צו שרייבן און פארשפרייטן דעם רבינ'ס תורות.
דער רבי האט אמאל ביי א געלעגנהייט זיך אויסגעדריקט, אז פאר זיינע לייט איז שוין צו שווער אנצונעמען א רבנות פאסטן, וויבאלד ער האט זיי אריינגעגעבן צופיל אמת – דאס הייסט, זיי האבן שוין צופיל ענוה.

# דאס געשריי אין רוסישן טורמע #2



פארזעצונג פון פאריגע וואך

בַּאלְד רֹאשׁ חֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז שׁוֹין ר' מֹשֶׁה אַרוֹיסְגֶעפָארְן קַיין אוּמַאן אוּן אִיז גֶעזֶעצְן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג נָאנְט צוּם צִיּוּן עַל הַתּוֹרָה וְעַל הָעֲבוֹדָה, עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן זִיךְ אָנְגֶעגְרֵייט צוּ גְרוֹיסְן יוֹם הַדִּין, אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַפָּאר טֶעג פַארְן יוֹם טוֹב הָאט עֶר גֶענוּמֶען זַיין אָפְּגֶעשְׁפָּארְטֶע זֶעקְל גֶעלְט אוּן אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִין מַארְק, דָארְט הָאט

עֶר אָנְגֶעקוֹיפְט הִינְדֶעלֶעךְ אוּן פִישׁ, אֵייעֶר מִיט קַארְטָאפְל, גְרוֹיסֶע זֶעק מֶעל פַאר דִי חַלּוֹת, אַזוֹי הָאט עֶר אָנְגֶעפַּאקְט אַ גְרוֹיסְן וָואגְן וָואס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּם חָצֵר פוּן ר' נַחְמָן שְׁטַארְקֶעס, דָארְט הָאט אִים אָפְּגֶעוָוארְט גְרוֹיס אַרְבֶּעט, מֶען הָאט גֶעשְׁנִיטְן גֶעשֵׁיילְט אוּן גֶעקָאכְט, גֶעקְנָאטְן אוּן גֶעבַּאקְן, גֶעמִישְׁט אוּן גֶעפַּאקְט אַזוֹי אַפָּאר טֶעג, בִּיז דִי מַאֲכָלִים זֶענֶען פַארְטִיג גֶעוָוארְן.

מֶען הָאט גֶעדוּנְגֶען אַ קְלֵיינֶעם זַאל נָאנְט צוּם קְלוֹיז, וואו מֶען וֶועט צוּשְׁטֶעלְן דִי גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדוֹת. אַזוֹי וִוי עֶס הָאט גֶעפֶּעלְט טִישְׁן אוּן בֶּענְק הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן אַ עֵצָה אַז עֶר וֶועט נָאכְן דַאוְונֶען אִין קְלוֹיז אַרִיבֶּערְשְׁלֶעפְּן פוּן דָארְט דִי טִישְׁן אוּן בֶּענְק וָואס מֶען נִיצְט פַארְן דַאוְונֶען, אַזוֹי הָאט ר׳ מֹשֶׁה אַלֵיין גֶעשְׁלֶעפְּט נָאךְ מַעֲרִיב דִי טִישְׁן אוּן בֶּענְק צוּם זַאל אוּן נָאכְן עֶסְן צוּרִיקְגֶעטְרָאגְן מֶען זָאל קֶענֶען דַאוְונֶען אוֹיף מָארְגְן. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן דַאוְונֶען הָאט עֶר וִוידֶער אוֹיפְגֶעהוֹיבְן דִי שְׁוֶוערֶע בֶּענְק אוּן טִישְׁן צוּ סְעוּדָה אוּן וִוידֶעראַמָאל צוּרִיקְגֶעבְּרֶענְגְט צוּ מִנְחָה. אַזוֹי הָאט ר׳ מֹשֶׁה גֶעהַאט אַ אַרְבֶּעט דוּרְכְאוֹיס רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ שְׁלֶעפְּן בֶּענְק מִיט טִישְׁן אַהִין אוּן צוּרִיק. דִי חֲסִידִים פוּן יֶענֶע צַייט פְלֶעגְן דֶערְצֵיילְן אַז כָאטְשׁ ר׳ מֹשֶׁה הָאט בִּיטֶער שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט הָאט עֶר אַלֶעס גֶעמַאכְט מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן גֶעגֶעבְּן דִי בֶּעסְטֶע גֶעפִיל פַאר יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעקוּמֶען.



אַסַאךְ יָאר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט דֶער סֵדֶר, ר׳ מֹשֶׁה קוּמְט אָן פְרִי קַיין אוּמַאן אוּן שְׁטֶעלְט צוּ דִי סְעוּדַת פַאר דִי גֶעסְט, דִי אָרֶעמֶע חֲסִידִים זֶענֶען גֶעוֶוען אִיבֶּער גְלִיקְלִיךְ וַוייל נָאכְן פָארְן דִי לַאנְגֶע נְסִיעָה הָאט זֵיי גֶעוואַרְט עֶפֶּעס נַארְהַאפְטִיג צוּ עֶסְן אוּן עֶס הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען פוּן זֵיי דֶער עוֹל פוּן זוּכְן אַ פְּלַאץ אָדֶער צוּגְרֵייטְן עֶסְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה. אוֹיךְ וֶוען עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען שְׁוֶוערֶע יָארְן וָואס דֶער מַצָּב אִין רוּסְלַאנְד אִיז גֶעוֶוען עֶנְג, עֶס הָאט גֶעהֶערְשְׁט אַ הוּנְגֶער אוּן מִילְיאָנֶען רוּסִישֶׁע הָאבְּן גֶעהוּנְגֶערְט אוֹיף בְּרוֹיט, ר׳ מֹשֶׁה הָאט אָנְגֶעוָוארְן זַיין פַּרְנָסָה אוּן אִיז אַרִיבֶּער וואוֹינֶען אִין דִי גְרוֹיסֶע שְׁטָאט מָאסְקֶעוֶוע, פוּן אַ שֵׁיינֶער סוֹחֵר אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַ פָּשׁוּטֶ׳ער בַּעַל עֲגָלָה, אָבֶער דִי סְעוּדוֹת פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעפִירְט, קַיין שוּם זַאךְ הָאט אִים נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר פְלֶעגְט זָאגְן אַז דֶער רֶבִּי שַׁאפְט דָאס גֶעלְט. טְרָאץ וָואס דוּרְכְאוֹיס דָאס יָאר הָאט עֶר נִישְׁט נִישְׁט עֶפֶּעס בַּאזוּנְדֶערְס פַארְדִינְט אָבֶער וִוי נָאר עֶס אִיז גֶעקוּמֶען חֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען גוּטֶע בִּיזְנֶעס פוּן דָא אוּן דָארְט אוּן הָאט גֶעלֵייזְט אַפָּאר רוּבְּל, ר׳ מֹשֶׁה הָאט גֶעוואוּסְט אַז דִי פַארְדִינְטֶע גֶעלְט אִיז נִישְׁט זַיינֶע, דָאס אִיז גֶעלְט וָואס אִיז גֶעשִׁיקְט גֶעוָוארְן פַאר דִי סְעוּדוֹת אִין אוּמַאן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף ר׳ מֹשֶׁה אַז וֶוען עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְפָארְן מִיט זַיינֶע פֶערְד פְלֶעגְט עֶר זִיךְ מַאכְן וִוי אַ שִׁכּוֹר, וַוייל אַ שִׁכּוֹר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע מְכוּבָּד׳יגֶע זַאךְ אִין רוּסְלַאנְד.. רֵייטְנְדִיג אוֹיפְן פֶערְד פְלֶעגְט עֶר שְׁרֵייעֶן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוּן זִינְגֶען לִידֶער אוֹיפְן קוֹל מִיטְן גַאנְצְן הָארֶץ, דִי פֶערְד הָאבְּן שוֹין גֶעוואוּסְט וִוי שְׁנֶעל צוּ לוֹיפְן לוֹיט דִי לִידֶער פוּן ר׳ מֹשֶׁה! גֶעוועֶנְלִיךְ פְלֶעגְן זֵיי גֵיין גֶעמִיטְלֶער אָבֶער וֶוען ר׳ מֹשֶׁה הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען זִינְגֶען וּבְכֵן צַדִּיקִים.. יִרְאוּ וְיִשְׂמָחוּ... הָאבְּן זֵיי גֶענוּמֶען לוֹיפְן... שְׁנֶעל...

מִיט דֶער צַייט אִיז דֶער קִיבּוּץ אוּנְטֶערְן

אַייזֶערנֶעם פָּארהַאנְג פוּן דִי קָאמוּנִיסְטְן גֶעוָוארְן שְׁוֶוער אוּן עֶנְג צוּ קֶענֶען דַאוֶוענֶען דָארְט, דִי רְשָׁעִים הָאבְּן פַּארְשְׁפַּארְט דִי קְלוֹיז מִיט אַ שְׁלָאס אוּן דִי חֲסִידִים הָאבְּן גֶעזוּכְט בַּאהַאלְטֶענֶע עֶרְטֶער צוּ אָנְגֵיין מִיט דִי תְּפִלּוֹת, אַז דֶער קִיבּוּץ זָאל זִיךְ הַאלְטְן, דִי מוֹסְרִים פְלֶעגְן זֵיי לָאקֶערְן אוּן וֶוען זֵיי פְלֶעגְן כַאפְּן דָאס אָרְט זֶענֶען אַלֶע מִתְפַּלְּלִים אַנְטְלָאפְן פוּן פֶענְסְטֶער...

יָאר תרצ"ז אִיז אָבֶער גֶעשֶׁען דִי זַאךְ. מֶען הָאט גֶעכַאפְּט ר' מֹשֶׁה טֵיילְן עֶסְן פַאר דִי מִתְפַּלְּלִים, (גֶעבְּן עֶסְן פַאר אַ צְוֵוייטְן אִין גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע פַארְבְּרֶעך אִין דִי סְדוֹם-גֶעזֶעצְן אִין רוּסְלַאנְד) מֶען הָאט אִים גֶעכַאפְּט אוּן אָנְגֶעוָוארְנְט אַז אוֹיבּ גֵייט מֶען אִים כַאפְּן נָאכְאַמָאל טֵיילְן עֶסְן וֶועט עֶר שְׁטְרֶענְג בַּאשְׁטְרָאפְט וֶוערְן, ר' מֹשֶׁה הָאט זִיךְ אוּמְווּיסְנְד גֶעמַאכְט אוּן גְלַייךְ נָאכְן בַּאפְרֵייעֶן אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען טֵיילְן עֶסְן פַאר דִי גֶעסְט אִין אוּמַאן. אָבֶער אוֹיךְ דָאס מָאל הָאט מֶען אִים גֶעכַאפְּט אוּן פַארְשְׁפַּארְט אִין תְּפִיסָה מִיט אַ שְׁוֶוערֶע מִשְׁפָּט.

אוֹיךְ דָאס מָאל הָאט זִיךְ ר' מֹשֶׁה גֶענוּמֶען צוּ דִי אַלְטֶע גוּטֶע עֵצָה פוּן בֶּעטְן אוּן שְׁרֵייעֶן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן אוֹיךְ דִי אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶע חֲסִידִים וָואס זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן אִין אוּמַאן הָאבְּן אַייְנְגֶערִיסְן הִימְלֶען פַאר אִים. דִי יְשׁוּעָה הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיפְשַׁיינֶען, וֶוען אַ שְׁוֶועסְטֶער זַיינֶע וָואס אִיז נֶעבֶּעךְ פַארְקְרָאכְן פוּן אִידִישְׁן וֶועג, אוּן אִיז אַרוֹיפְגֶעשְׁטִיגְן אִין הוֹיכֶע שְׁטֶעלֶעס בִּיז דִי קָאמוּנִיסְטְן הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַ רֶעקָאמֶענְדַאצִיֶע פַארְן בֵּית מִשְׁפָּט אַז עֶר אִיז אַ גְלַייכֶער אוּן גוּטֶער אַרְבֶּעטֶער (אַ אַרְבֶּעטֶער דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגָה אִין רוּסְלַאנְד! לוֹיט דֶער קָאמוּנִיסְטִישֶׁער קְרוּמֶער קָאפּ, וֶוער סְ'אַרְבֶּעט דַארְף מֶען אִים הָאבְּן... וֶוער נִישְׁט לֶעבְּט אוּן עֶסְט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס חֶשְׁבּוֹן, זָאל עֶר גֵיין גֶעזוּנְטֶערְהֵייט... ) אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַן אָפִיצִיר אִין זַיין כַאטְקֶע אוּן אִים גֶענוּמֶען צוּ אַן אוֹיסְפָארְשׁוּנְג, מֶען הָאט אִים אוֹיסְגֶעפָארְשְׁט פוּן וואוּ הָאט עֶר גֶעלְט צוּ טֵיילְן עֶסְן? אוּן פַארְוָואס טֵיילְט עֶר עֶסְן יֶעדֶעס יָאר אִין דֶער זֶעלְבֶּער צַייט. ר' מֹשֶׁה הָאט זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ תְּמִימוּת, אַז עֶר אַרְבֶּעט שְׁוֶוער, עֶר פִירְט אַ גַאנְצְן טָאג מֶענְטְשְׁן מִיט זַיין פֶערְד אוּן וָואגְן פוּן דֶעם פַארְדִינְט עֶר זַיין גֶעלְט. אַזוֹי אוֹיךְ הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה וָואס עֶר הָאט בַּייגֶעלֶעבְּט פַאר יָארְן צוּרִיק וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהְן דֶער טוֹיט פַאר דִי אוֹיגְן אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶע'טַעֲנֶה'ט אַז מַאכְט עֶר יֶעדֶעס יָאר אַ סְעוּדַת הוֹדָאָה... צוּ דַאנְקֶען אוֹיף דֶעם וָואס זַיין לֶעבְּן אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן! מֶען הָאט אִים צוּרִיקְגֶעפִירְט אִין זַיין בּוּדְקֶע אוּן עֶר אִיז גֶעבְּלִיבְּן מִיט סְפֵיקוֹת וָואס הָאט אִים גֶעשְׁנִיטְן בִּיזְן הַארְץ צוּ הָאט עֶר רִיכְטִיג גֶעעֶנְטְפֶערְט אָדֶער הָאט עֶר זִיךְ אַלֵיין מוֹדֶה גֶעוֶוען אִין זַיין בַּאשוּלְדִיגוּנְג.

מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אִין דִי אוֹיעֶרְן פוּן דִי פָארְשֶׁערְס אוּן מֶען הָאט אִים בַּאפְרַייט, נִישְׁט פַארְן שְׁטְרֶענְג אָנְזָאגְן אַז דָאס אִיז דָאס לֶעצְטֶע מָאל וָואס עֶר מַאכְט אַזַא סְעוּדָה...

שַׁבָּת שׁוּבָה אִינְדֶערְפְרִי הָאט מֶען אִים אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אוּן גֶעבְּרֶענְגְט צוּם גְרוֹיסְן אָפִיצִיר פוּן תְּפִיסָה וָואס הָאט אִים טְרוּקְן גֶעמָאלְדְן: "דוּ בִּיסְט בַּאפְרַייט!" דִי שִׂמְחָה פוּן דִי חֲסִידִים זֶעעֶנְדִיג ר' מֹשֶׁה צוּרִיקְקוּמֶען אִין קְלוֹיז פְרֵיי

הָאט געשְׁטִיגְן בִּיזְן הִימְל... בַּיי שָׁלוֹשׁ סְעוּדוֹת הָאט מֶען גֶעטַאנְצְט רִקוּדִים אוּן זִיךְ גֶעפְרֵייט מִיט ר׳ מֹשֶׁה דַאנְקֶענְדִיג דֶעם אוֹיבֶערְשְׁטְן פַאר דֶער אָפֶענֶער נֵס, אִין דֶעם גֶעלֶעגְנְהֵייט הָאט ר׳ מֹשֶׁה גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים זָאלְט אִיר וויסְן אַז דָאס יָאר גֵיי אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!

דִי חֲבֵרִים זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן עֶרְשְׁטוֹינְט פוּן וואוּ אִיז עֶר אַזוֹי בַּאשְׁלָאסְן בַּיי זִיךְ? רוּסְלַאנְד אִיז דַאן גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע רִיזִיגֶע תְּפִיסָה מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְפָארְן פוּן אִיר קַיין עֶרְגֶעץ נִישְׁט, נָאר פַארְן בֶּעטְן רְשׁוּת אַרוֹיסְצוּפָארְן צוּ אַן אַנְדֶערְן לַאנְד הָאט מֶען גֶעקֶענְט פַארְשִׁיקְט ווערְן אִין סִיבִּיר... דֶערִיבֶּער אִיז אַרוֹיסְפָארְן פוּן רוּסְלַאנְד קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֶעוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער חָלוֹם פוּן יֶעדֶער בְּרֶסְלֶבֶ׳ער חָסִיד אִין יֶענֶער צַייט. אָבֶער ר׳ מֹשֶׁה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר רוּאִיג אוּן קְלָאר, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים: ״אִיךְ בִּין זִיכֶער אִין וָואס אִיךְ זָאג, ווייל אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן אוֹיף דֶעם בַּיים רֶבִּי׳ן׳ס צִיּוּן דָאס יָאר עֶרֶב רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס אִיךְ בֶּעט בַּיים רֶבִּי׳נְס צִיּוּן ווערְט אָנְגֶענוּמֶען!״



בִּיז דָאס יֶעצְטִיגֶע יָאר הָאט ר׳ מֹשֶׁה נִישְׁט מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַרוֹיפְצוּגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל ווייל עֶר הָאט גֶעוָואלְט אָנְהַאלְטְן זַיין צוּזָאג פוּן אָנְגְרֵייטְן סְעוּדוֹת פַארְן עוֹלָם אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, אָבֶער יֶענֶעם יָאר אִיז שׁוֹין לֵיידֶער גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ קְלֵיינֶער אוּן בַּאהַאלְטֶענֶער קִבּוּץ אוּן דֶער קְלוֹיז אִיז גֶעוֶוען פַארְמַאכְט אוּן פַארְשְׁלָאסְן, אַזוֹי אַז עֶס אִיז שׁוֹין לֵיידֶער נִישְׁט גֶעוֶוען פַארְוֶועם צוּצוּשְׁטֶעלְן סְעוּדוֹת, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן בַּיים צִיּוּן: ״רֶבִּי אִיךְ וִויל אַרוֹיפְגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!״

אוּן וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן הָאט טַאקֶע ווירְקְלִיךְ פַּאסִירְט! בַּאלְד נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט ר׳ מֹשֶׁה אָנְגֶעגֶעבְּן אַ בַּקָּשָׁה בַּיי דֶער רֶעגִירוּנְג פַאר אִים מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, צוּ קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן רוּסְלַאנְד קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן דֶער אוּמְגְלוֹיבְּלִיכֶער נֵס אִיז גֶעשֶׁען מֶען הָאט גְלַייךְ צוּגֶעשְׁטִימְט, נִישְׁט נָאר מֶען הָאט אִים גֶעלָאזְט גֵיין נָאר מֶען אִים ״פַארְשִׁיקְט״ פוּן רוּסְלַאנְד!!! דָאס מֵיינְט אַז בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט דַארְף עֶר שְׁנֶעל אָפְּלָאזְן דָאס לַאנְד!

דִי יְשׁוּעָה אִיז גֶעוֶוען צוּם סוֹף אוֹיךְ דֶער גְרוֹיסֶער נֵס הַצָּלָה פוּן ר׳ מֹשֶׁה מִיט זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה ווייל אַפָּאר חֳדָשִׁים שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען לֵיידֶער גֶעכַאפְּט אַסַאךְ טַייעֶרֶע חֲסִידִים וָואס זֶענֶען אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבְּן, אַ חֵלֶק הָאבְּן דִי רוּסְן יִמַּח-שְׁמוֹ אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אוֹיף קִדּוּשׁ הַשֵּׁם אוּן דִי אַנְדֶערֶע הָאבְּן זֵיי פַארְשִׁיקְט קַיין סִיבִּיר, אַזוֹי אַז ר׳ מֹשֶׁה אִיז צוּם עֶרְשְׁט נִצּוֹל גֶעוָוארְן פוּן דֶעם, אַ קוּרְצֶע צַייט שְׁפֶּעטֶער זֶענֶען דִי דַייטְשְׁן יִמַּח שְׁמוֹ אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין אוּקְרַיינֶע אוּן אוֹיסְגֶעמָארְדֶעט אִין אַפָּאר חֳדָשִׁים אַלֶע אִידְן פוּן אוּמַאן, בַּארְדִיטְשׁוּב טֶעפְּלִיק, נֶעמִירוֹב אוּן נָאךְ שְׁטֶעטְלֶעךְ אַרוּם וָואס זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶוען בַּאווֹאוּינְט מִיט אִידְן, פוּן דִי אַלֶע צָרוֹת אִיז ר׳ מֹשֶׁה מִיט זַיין פַאמִילְיֶע נִצּוֹל גֶעוָוארְן מִיטְן אַרוֹיפְגֵיין קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

# אנטשולדיגט, איך האב חרטה!

הָרָע, רְכִילוּת, אוּן בֵּייזֶע וֶוערְטֶער בִּיז צוּ פַארְשֶׁעמֶען בְּרַבִּים, וָואס אִיז מַמָּשׁ וִוי רְצִיחָה. נֹחַ הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעשֶׁעמְט צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְט אוֹיף אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים הוֹיךְ אוּן מִיט חוּצְפָּה.

יוֹם-טוֹב, אַלְס אַ קְלוּג אִינְגֶל, הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט שְׁרַייבְּן אַ בְּרִיוו פוּן זַיין פַארְוֵוייטָאגְט הַארְץ צוּ נֹחַ. אִין דֶעם בְּרִיוו הָאט עֶר בַּאשְׁרִיבְּן זַיינֶע בַּאהַאלְטֶענֶע קְרֶעכְצְן אוּן טְרֶערְן. מִיט זַיינֶע וֶוערְטֶער הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט צוּ עֶרְקְלֶערְן פַאר נֹחַ, אַז עֶר זָאל רַאטֶעוֶוען

המשך פון די לעצטע זייט

זַיין נְשָׁמָה פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן הַלְבָּנַת פָּנִים וָואס אִיז גְלַייךְ צוּ רְצִיחָה.

נֹחַ הָאט אִיבֶּערְגֶעלֵייעֶנְט דֶעם בְּרִיוו מֶער וִוי צֶען מָאל! זַיין הַארְץ אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פוּן צִיפֶּעדִיגֶע חֲרָטָה: ״וֶוען אִיךְ וָואלְט נָאר גֶעוְוּיסְט וִוי שְׁטַארְק אִיךְ טוּ אִים וֵויי... וֶוען אִיךְ וָואלְט נָאר אַ מִינוּט אַרַיינְגֶעטְרַאכְט...״ דִי גְרוֹיסֶע חֲרָטָה הָאט אִים גֶעפִירְט צוּ שְׁרַייבְּן אַ אִיבֶּערְבֶּעטוּנְגְס בְּרִיוו פַאר יוֹם-טוֹב, צוּזַאמֶען מִיט אַ מַתָּנָה זִיךְ אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן.




# סיפורי מעשיות משנים קדמוניות

בִּיז סְ׳אִיז בַּיי זֵיי גֶעבְּלִיבְּן: ״אַז דֶער ׳עִיקָר תַּכְלִית׳ אִיז ׳כָּבוֹד׳״! אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] מוּז מֶען זוּכְן אַ ׳אִישׁ מְכוּבָּד׳ (כְּלוֹמַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט ׳כָּבוֹד׳) – אוּן דֶערְצוּ זָאל דֶער מֶענְטְשׁ נָאכְיָאגְן נָאךְ ׳כָּבוֹד׳ [אוּן דֶערְגְרֵייכְן ׳כָּבוֹד׳]!

וָוארְן, וַוייל [וִויבַּאלְד] דֶער מֶענְטְשׁ [אִיז אַ ׳אִישׁ מְכוּבָּד׳, וָואס עֶר] הָאט ׳כָּבוֹד׳, אוּן יָאגְט נָאךְ דֶעם ׳כָּבוֹד׳, אוּן עֶר הֶעלְפְּט דִי ׳טֶבַע׳ וָואס זִי ווִיל ׳כָּבוֹד׳ – נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס]: אִיז זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ [אַז דֶער דָאזִיגֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ] מִשְׁתַּדֵל אוּן גֵייט נָאךְ דֶעם ׳תַּכְלִית, אוּן הָאט דֶערְלַאנְגְט [דֶערְגְרַייכְט] דֶעם ׳תַּכְלִית׳! – וָוארְן דֶער ׳תַּכְלִית׳ אִיז זִיךְ [דָאךְ] ׳כָּבוֹד׳, כַּנַ״ל. אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם, אִיז] דֶער [דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ, קֶער [פַּאסְט] צוּ זַיין ׳מֶלֶךְ׳!

(אַזוֹי אִיז אַלְץ גֶעוֶוען דִי ׳נַארִישֶׁע [אוּן פַארְבְּלָאנְדְזֶעטֶע] דֵיעָה׳ פוּן אַ טֵייל פוּן זֵיי! – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי גֶעפוּנֶען, ׳נַארִישֶׁע סְבָרוֹת׳ אוּן ׳גֶעדְרַאנְגֶען׳ [זִיךְ אוֹיפְגֶעדְרִינְגֶען] – בִּיז זֵיי זֶענֶען דֶערִין פַארְפִירְט גֶעוָוארְן, אוּן הָאבְּן גֶעזָאגְט: ״אַז ׳כָּבוֹד׳ אִיז דֶער ׳תַּכְלִית׳״! – אוּן אַזוֹי [וַוייטֶער] דִי אַלֶע [אַנְדֶערֶע] ׳כִּיתּוֹת׳ [גְרוּפֶּעס] וָואס דָא וֶועט ווייטֶער שְׁטֵיין, הָאבְּן זֵיי אַלֶע גֶעהַאט [אַסַאךְ] ׳נַארִישֶׁע גֶעדְרַאנְגֶען׳ אוֹיף זֵייעֶרֶע ׳נַארִישֶׁע דֵיעוֹת׳)!

[נָאר רַבֵּינוּ זַ״ל הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט עֶרְקְלֶערְן אַלֶע ׳פַארְבְּלָאנְדְזֶעטֶע סְבָרוֹת׳ וָואס אִיז פַארְהַאן אִין דִי דָאזִיגֶע גֶעדַאנְקֶען! – וַוייל סְ׳אִיז פַארְהַאן אִין זֵיי אַזֶעלְכֶע שְׁטַארְקֶע פַארְבְּלָאנְדְזֶעטֶע גֶעדַאנְקֶען, אַז סְ׳אִיז חַס-וְשָׁלוֹם מֶעגְלִיךְ, זִיךְ בֶּאֱמֶת צוּ פַארְנַארְן רַחֲמָנָא-לִיצְלָן, אִין דִי דָאזִיגֶע ׳פַאלְטְשֶׁע סְבָרוֹת׳]!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אַזוֹי אַ מֶענְטְשְׁן [אַזַא

סָארְט מֶענְטְשׁ]!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען – אוּן הָאבְּן גֶעזֶעהְן: וִוי מְ׳הָאט גֶעטְרָאגְן אַ ׳אַלְטְן בֶּעטְלֶער׳ אַ ׳צִיגֵיינֶער׳! – אוּן סְ׳זֶענֶען אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען, אֶפְשַׁר [בְּעֶרֶךְ] פִינֶעף־הוּנְדֶערְט ׳צִיגֵיינֶערְס׳! – אוּן דֶער [דָאזִיגֶער] ׳בֶּעטְלֶער׳, אִיז גֶעוֶוען ׳בְּלִינְד׳, אוּן ׳קְרוּם׳, אוּן ׳שְׁטוּם׳!

אוּן דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] לַייט, זֶענֶען אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען! וָוארְן זֵיי אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען זַיין ׳מִשְׁפַּחְתֶּ׳עֶרֶע׳ [מֶענְטְשְׁן פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה]! – וָוארְן עֶר הָאט גֶעהַאט ׳שְׁוֶועסְטֶערְס׳, אוּן ׳בְּרוּדֶערְס׳, אוּן זַיין ׳זֶרַע מְרֵעִים׳! – בִּיז סְ׳אִיז פוּן זֵיי גֶעוָוארְן אַזוֹיפִיל, דִי אַלֶע וָואס זֵיי זֶענֶען אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען! – אוּן הָאבְּן אִים גֶעטְרָאגְן!

אוּן דֶער ׳אַלְטֶער ׳בֶּעטְלֶער׳, הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף זַיין ׳כָּבוֹד׳! – וָוארְן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר ׳בֵּייז׳ [אַ גְרוֹיסֶער ׳כַּעֲסָן׳]! אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַלֶעמָאל, אוֹיף זֵיי אַ גְרוֹיסְן ׳בֵּייזֶער׳ גֶעטָאן [זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף זֵיי מִיט ׳גְרוֹיסֶע קַפֵּידוֹת׳]! – אוּן [עֶר] הָאט אַלֶעמָאל גֶעהֵייסְן: ״אַז אַנְדֶערֶע [מֶענְטְשְׁן] זָאלְן אִים טְרָאגְן״! – אוּן הָאט זִיךְ אַלֶעמָאל גֶעבֵּייזֶערְט אוֹיף זֵיי!

נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס]: אִיז זִיךְ דֶער ׳אַלְטֶער בֶּעטְלֶער׳ [אַז דֶער דָאזִיגֶער ׳אַלְטֶער בֶּעטְלֶער׳ אִיז], אַ גְרוֹיסֶער ׳אִישׁ מְכוּבָּד׳! – וָוארְן עֶר הָאט אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳כָּבוֹד׳, אוּן יָאגְט אַזוֹי נָאךְ דֶעם ׳כָּבוֹד׳ – וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף זַיין ׳כָּבוֹד׳!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] אִיז דֶער [דָאזִיגֶער] ׳בֶּעטְלֶער׳ זֵיי גֶעפֶעלְן! – אוּן זֵיי הָאבְּן אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ ׳מֶלֶךְ׳!

אוּן וַוייל דָאס ׳לַאנְד׳ אִיז אוֹיךְ ׳גוֹרֵם׳ [בְּרֶענְגְט דֶערְצוּ] – וָוארְן סְ׳פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] אַ ׳מְדִינָה׳, וָואס דִי ׳מְדִינָה׳ אִיז ׳גוֹרֵם׳ אוּן זִי אִיז ׳מְסוּגָל׳ צוּ ׳כָּבוֹד׳! – אוּן אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] אַ ׳מְדִינָה׳, וָואס זִי אִיז ׳מְסוּגָל׳ צוּ אַ ׳אַנְדֶערֶע מִידָה׳! – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם הָאבְּן דִי [דָאזִיגֶע] ׳כִּיתָּה׳ (וָואס בַּיי זֵיי אִיז גֶעוֶוען דֶער ׳עִיקָר תַּכְלִית׳, ׳כָּבוֹד׳), גֶעזוּכְט אַ ׳מְדִינָה׳ וָואס זִי אִיז ׳גוֹרֵם׳ אוּן ׳מְסוּגָל׳ צוּ ׳כָּבוֹד׳!

הָאבְּן זֵיי גֶעפוּנֶען אַ ׳מְדִינָה׳, וָואס זִי אִיז ׳מְסוּגָל׳ דֶערְצוּ! – הָאבְּן זֵיי זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט! אַ [אַנְדֶערֶע] טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט: ״אַז נִישְׁט דֶער ׳כָּבוֹד׳ אִיז דֶער ׳עִיקָר תַּכְלִית׳״! אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעקְלֶערְט [גֶעפָארְשְׁט]: ״אַז דֶער ׳עִיקָר תַּכְלִית׳ אִיז ׳רְצִיחָה׳״!

וָוארְן מִיר זֶעהְן: אַז אַלֶע זַאכְן וָואס סְ׳אִיז פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] אוֹיף דֶער וֶועלְט, מוּזְן אַלֶע פַארְלֶענְדְט וֶוערְן [צוּגְרוּנְד גֵיין]! – אוּן וָואס סְ׳אִיז פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] אִין דֶער וֶועלְט, ׳גְרָאז׳, אוּן ׳אַלֶע פְרוּכְטְן׳, אוּן ׳מֶענְטְשְׁן׳, אוּן ׳אַלְץ׳ וָואס אִין דֶער וֶועלְט – מוּז אַלְץ צוּם סוֹף, ׳נִישְׁט׳ [צוּנִישְׁט] וֶוערְן [צוּגְרוּנְד גֵיין]!

נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס]: אִיז זִיךְ דֶער ׳תַּכְלִית׳ פוּן אַלֶע זַאכְן [אַז דֶער ׳תַּכְלִית׳ פוּן אַלֶע זַאכְן אִיז], אַז סְ׳זָאל ׳נִכְלֶה׳ וֶוערְן (דְהַיְינוּ: פַארְלֶענְדְט וֶוערְן [צוּגְרוּנְד גֵיין])! אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם, אִיז] אַ ׳רוֹצֵחַ׳ וָואס עֶר הַרְגֶ׳עט אוּן פַארְלֶענְדְט מֶענְטְשְׁן – בְּרֶענְגְט עֶר זִיךְ [עֶר מֶערְט צוּ בְּרֶענְגֶען] דִי וֶועלְט צוּם ׳תַּכְלִית׳!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָפְּגֶעקְלֶערְט ״אַז דֶער ׳תַּכְלִית׳ אִיז ׳רְצִיחָה׳״! הָאבְּן זֵיי גֶעזוּכְט אַ מֶענְטְשְׁן [מֶענְטְשׁ], וָואס עֶר זָאל זַיין אַ ׳רוֹצֵחַ׳, אוּן אַ ׳כַּעֲסָן׳, אוּן אַ

גְרוֹיסֶער 'בַּעַל־קִנְאָה'! – וָואוּרְן אַזוֹי אַ [אַזַא] מֶענְטְשׁ, אִיז בַּיים [מֶער נֶענְטֶער צוּם] 'תַּכְלִית' (וֶועדְלִיג [לוֹיט] זַייעֶר פַאַרְפִירְטֶע [פַאַרְבְּלָאנְדְזֶעטֶע] דֵיעָה), אוּן 'דֶער' קֶער [פַּאסְט] צוּ זַיין אַ 'מֶלֶךְ'!

זֶענֶען זַיי גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אַזוֹי אַ מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זַיי גֶעהֶערְט אַ 'גֶעשְׁרַיי'! הָאבְּן זַיי גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דָאס אַזוֹי אַ [אַזַא] 'גֶעשְׁרַיי'"?! הָאט מֶען זַיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "[אַז] דָאס 'גֶעשְׁרַיי' אִיז: וָואס אֵיינֶער הָאט זַיין 'פָאטֶער אוּן מוּטֶער' גֶעקוֹילֶעט [גֶעשָׁחְטְ'ן]"!

הָאבְּן זַיי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "וִוי גֶעפִינְט זִיךְ נָאךְ אַזוֹי אַ [אַזַא] 'רוֹצֵחַ' [אִיז דֶען פַאַרְהַאן אַ גְרֶעסֶערֶע 'רוֹצֵחַ' פוּן דֶעם], וָואס עֶר זָאל אַזוֹי אַ [אַזַא] 'שְׁטַארְק הַארְץ' הָאבְּן, אוּן זָאל זַיין אַזוֹי אַ [אַזַא] 'כַּעֲסָן', אַז עֶר זָאל הַרְגֶ'ענֶען [זַיין] 'פָאטֶער אוּן [זַיין] מוּטֶער'?! – אָט 'דֶער [דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ' הָאט דֶערְלַאנְגְט [דֶערְגְרַייכְט] דֶעם 'תַּכְלִית' (דְהַיְינוּ: 'דֶער' וָואס הָאט [זַיין] 'פָאטֶער אוּן מוּטֶער' גֶעקוֹילֶעט [גֶעשָׁחְטְ'ן])"!

אוּן עֶר אִיז זַיי וואוֹיל־גֶעפֶעלְן! – אוּן זַיי הָאבְּן אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ 'מֶלֶךְ'! אוּן זַיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזוּכְט אַ 'מְדִינָה', וָואס זִי זָאל 'גוֹרֵם' זַיין (דְהַיְינוּ: זִי זָאל דֶערְצוּ קֶערְן ) צוּ 'רְצִיחָה'!

הָאבְּן זַיי זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְן אַ 'אָרְט' [פְּלַאץ] צְוִוישְׁן 'בֶּערְג' [אוּן 'הוֹיכֶע־בֶּערְג'], וָואס דָארְטְן הַאלְטְן זִיךְ 'רוֹצְחִים' [זַיי וואוֹינֶען צְוִוישְׁן דִי בֶּערְג]! – אוּן זַיי זֶענֶען אַהִינְגֶעגַאנְגֶען, אוּן זַיי הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט מִיט זַייעֶר 'מֶלֶךְ'!

אַ [אַנְדֶערֶע] טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אַז סְ'קֶער [סְ'פַּאסְט] צוּ זַיין אַ 'מֶלֶךְ', דֶער וָואס עֶר הָאט [אַ שֶׁפַע פוּן] 'אַסַאךְ עֶסְן', אוּן עֶר עֶסְט נִישְׁט דָאס [זֶעלְבֶּע] 'עֶסְן' פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר 'אֵיידֶעלֶע זַאכְן' [לְמָשָׁל 'מִילֶעךְ' – כְּדֵי זַיין 'שֵׂכֶל' זָאל נִישְׁט פַאַרְגְרֶעבְּט וֶוערְן] – אוּן אַזוֹי אַ [אַזַא] מֶענְטְשׁ קֶער צוּ זַיין אַ 'מֶלֶךְ'"! נָאר זַיי הָאבְּן תֵּיכֶּף נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעפִינֶען אַזוֹי אַ [נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלַייךְ טְרֶעפְן אַזַא] מֶענְטְשְׁן, וָואס עֶר זָאל נִישְׁט עֶסְן דָאס [זֶעלְבֶּע] 'עֶסְן' פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן!

הָאבְּן זַיי זִיךְ דֶערְוַוייל אוֹיסְגֶעקְלִיבְן אַ 'עוֹשֶׁר', וָואס עֶר הָאט 'אַסַאךְ עֶסְן' (אוּן זַיין 'עֶסְן' אִיז 'אַבִּיסְל אֵיידֶעלֶער')! – בִּיז זַיי וֶועלְן גֶעפִינֶען אַזוֹי אַ מֶענְטְשְׁן וִוי זַיי ווִילְן, וָואס עֶר זָאל נִישְׁט עֶסְן וְכוּ', כַּנַ"ל – אוּן דֶערְוַוייל הָאבְּן זַיי גֶעמַאכְט דֶעם 'עוֹשֶׁר' פַאר אַ 'מֶלֶךְ'! – בִּיז זַיי וֶועלְן גֶעפִינֶען אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ וִוי זַיי ווִילְן, כַּנַ"ל [אוּן] דֶעמָאלְט, וֶועט דֶער 'עוֹשֶׁר' אַרָאפּ פוּן דֶער 'מְלוּכָה', אוּן מְ'וֶועט יֶענֶעם אוֹיפְנֶעמֶען פַאר אַ 'מֶלֶךְ'! אוּן זַיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְן אַ 'מְדִינָה', וָואס זִי זָאל קֶערְן ['צוּבְּרֶענְגֶען' אוּן 'מְסוּגָל' זַיין] דֶערְצוּ! – אוּן זַיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט!

אַ טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אַז אַ 'יְפַת־תּוֹאַר' קֶער [פַּאסְט] צוּ זַיין אַ 'מֶלֶךְ'"! וָואוּרְן דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית' אִיז זִיךְ: "אַז דִי וֶועלְט זָאל זַיין בַּאזֶעצְט מִיט מֶענְטְשְׁן"! – וָואוּרְן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן [צוּלִיבּ דֶעם] אִיז זִיךְ [דָאךְ] דִי וֶועלְט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן! אוּן וַוייל אַ 'יְפַת־תּוֹאַר' בְּרֶענְגְט צוּ 'דֶער תַּאֲוָה', וָואס דוּרְכְדֶעם וֶוערְט גְרֶעסֶער דֶער 'יִשּׁוּב' פוּן דֶער וֶועלְט (וָואוּרְן סְ'וֶוערְן מֶער מֶענְטְשְׁן)! – נִמְצָא בְּרֶענְגְט זִי זִיךְ צוּם 'תַּכְלִית'! אִיבֶּערְדֶעם קֶער [פַּאסְט] אַ 'יְפַת־תּוֹאַר' צוּ זַיין אַ 'מֶלֶךְ'! הָאבְּן זַיי זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְן אַ 'יְפַת־תּוֹאַר' – אוּן 'זִי' אִיז אִיבֶּער זַיי, גֶעוָוארְן 'מֶלֶךְ'! וּן זַיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזוּכְט אַ 'מְדִינָה', וָואס סְ'זָאל דֶערְצוּ קֶערְן – אוּן זַיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט!

פּס: ____________



# לאמיר זיך פארהערן

## די צוועלעפטע מעשה - דער בעל תפילה (9)

**א.** **וועלכע קעניג האבן די כת פון כבוד געטראפן?**
- ❑ א אלטער בעטלער א ציגיינער וואס האט זייער מקפיד געווען אויף זיין כבוד
- ❑ א אלטער פעשער מענטש
- ❑ א אינגער מענטש וואס האט א גאנצן טאג גערעדט פון זיין כבוד

**ב.** **פארוואס האט די צווייטע כתה געזאגט אז דער תכלית איז רציחה?**
- ❑ ווייל ווער ס'הרג'ט אסאך מענטשן האט אסאך כבוד
- ❑ ווייל אלעס אין דער וועלט ווערט פארלענט און א רוצח פארלענט מענטשן
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג.** **וועם האבן זיי גענומען פאר א מלך?**
- ❑ איינער וואס האט גע'הרג'ט אסאך מענטשן
- ❑ איינער וואס האט גע'הרג'ט זיינע קינדער
- ❑ איינער וואס האט גע'הרג'ט זיין טאטע און מאמע

**ד.** **וועם האבן גענומען פאר א מלך די כתה וואס האבן געהאלטן אז א מלך דארף זיין איינער וואס עסט נאר איידעלע עסן?**
- ❑ זיי האבן געטראפן איינעם וואס עסט נאר איידעלע עסן
- ❑ זיי האבן נישט געטראפן זיי האבן דערוויייל גענומען א עושר אלס מלך
- ❑ זיי האבן נישט געטראפן א מלך

**ה.** **וועם האבן גענומען פאר א קעניג די כתה וואס ביי זיי איז די תכלית צו באזעסן די וועלט?**
- ❑ איינער וואס האט געהאט אסאך קינדער
- ❑ איינער וואס האט געהאט אסאך ווייבער
- ❑ א יפת תואר

**ו.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ איינמאל
- ❑ צוויימאל
- ❑ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זֵי זָאל גוֹרֵם זַיין צוּ... ביי וועלכע כת איז דער רבי מפרט די לאנד וואס זיי האבן זיך באזעצט ?

ציבן אויף יעדע איינע פון די פיר לשונות, אויף וועלכע כת האט עס דער רבי געשריבן

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אַ מְדִינָה וָואס זֵי זָאל קֶערִין דֶערְצוּ

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס סֶע זָאל דֶערְצוּ קֶערִין

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זֵי זָאל גוֹרֵם זַיין צוּ...

הָאבִּין דִי כִּיתָּה גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי אִיז גוֹרֵם אוּן מְסוּגָל צוּ...

### תשובות אויף די מעשה פון דער בעל תפילה (8)

**וויפיל מאל ביי די מעשה האט דער בעל תפילה געגעבן א עצה ? און פארוועמען?** צוויי מאל

**1, פארן מלך - אז די בת יחידה זאל חתונה האבן מיטן גבור**

**2, פאר די מדינה של עשירות אז מֶען בַּאדַארְף קְלֶערִין. דָאס פִּירִיכְץ פוּן דֶעם גִבּוֹר. כְּדֵי עֶר זָאל דוּרְךְ דֶעם דֶערְקֶענֶען.**

**אוֹיב דָאס אִיז דֶער גִבּוֹר פוּן דֶעם מֶלֶךְ**

**וויפיל מאל שטייט אין די מעשה אז עס איז געווען א "רוח סערה" ?** פינף מאל

לע"נ האשה הח' מרת טשארנא בת ר' חיים יחזקאל ע"ה

**ב"ה אז דער טעלעפאן ליין ארבעט שוין און מען קען שוין מאכן די בחינות, רופט**

**646-585-3040 02-5-3333-72**

# אַנטשולדיגט, איך האָב חרטה!



מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי כִּתּוֹת וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעזוּכְט אַלְס סָארְט תַּכְלִית. דֶער רֶבִּי פַּארְצֵיילְט, אַז אֵיינֶע פוּן דִי כִּתּוֹת הָאבְּן גֶעפוּנֶען אַ גָאר אַכְזָרִיּוּת'דִיגֶע און שְׂרֶעקְלִיכֶע תַּכְלִית, נִישְׁט מֶער און נִישְׁט וֵוייניגֶער וִוי צוּ הַרְגֶענֶען מֶענְטְשְׁן! אַ נִידְרִיגֶע מַדְרֵיגָה וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין גְלַייכְן.

זֵייעֶר פַּארְדְרֵייטֶע הַשְׁקָפָה אִיז גֶעוֶוען, אַז אוֹיבּ אַלֶע זַאכְן וֶוערְן סוֹף-כָּל-סוֹף חָרוּב און קַאלְיֶע, דַאן מוּז דָאס זַיין דִי תַּכְלִית. דֶערְפַאר, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ וָואס הַרְגֶ'עט מֶענְטְשְׁן און בְּרֶענְגְט זֵיי צוּ זֵייעֶר עֶנְדֶע, וֶוערְט בַּיי זֵיי פַּארְעֶכְנְט אַלְס חָשׁוּב און טַייעֶר. זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַ רוֹצֵחַ, אַ כַּעֲסָן, און אַ גֶערֶעגְטֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוִויסְט אַז יֶעדֶעס פְּרַט אִין דִי מַעֲשֶׂה וֶועט זַיין נוֹגֵעַ אֲפִילוּ אִין אוּנְזֶער דוֹר. פְרֶעגְן מִיר זִיךְ: וָואס הָאט דִי דָאזִיגֶע כַּת הָרוֹצְחִים מִיט אוּנְז אַיינְגֶעלֵייגְט? מִיר הָאבְּן דָאךְ בָּ"ה נִישְׁט קֵיין שׁוּם שַׁייכוּת מִיט אַזֶעלְכֶע זַאכְן. נָאר רֶבִּי נָתָן בְּרֶענְגְט אִין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת: "עֶס זֶענֶען דָא אַזֶעלְכֶע וָואס וֶוערְן אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אַ מִדָּה פוּן רְצִיחָה און זֵיי הַרְגֶ'ענֶען מַמָּשׁ, אָבֶּער עֶס זֶענֶען אוֹיךְ דָא בַּעֲלֵי מַחֲלוֹקֶת וָואס רוֹדְפְ'ן אַ צְוֵוייטְן מִיט קִנְאָה און שִׂנְאָה 'כִּמְעַט' בִּיז רְצִיחָה, וָואס דָאס אִיז אוֹיךְ אַ בְּחִינָה פוּן רְצִיחָה."

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע נַייעֶס הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אִין כִּתָּה ו' פוּן מֹשֶׁה הִלֵּל: "אִין דְרַיי וָואכְן אַרוּם קוּמְט אַ נַייעֶר אִינְגְל פוּן אַמֶערִיקֶע צוּ אוּנְזֶער כִּתָּה. זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ וואוֹינֶען צְוִוישְׁן דִי יְרוּשָׁלַיִמֶ'ער אִידְן." דִי קִינְדֶער הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט און יֶעדֶער הָאט גֶעהַאט שְׁאֵלוֹת צוּ פְרֶעגְן, פְּרוּבִּירְנְדִיג צוּ אוֹיסְגֶעפוּנֶען וִויאַזוֹי עֶר הֵייסְט און וִויאַזוֹי עֶר קוּקְט אוֹיס.

נִישְׁט לַאנְג נָאכְדֶעם אִיז אַ בַּאחֵנְ'ט און אֵיידֶעלֶע אִינְגְל מִיטְ'ן נָאמֶען יוֹם-טוֹב אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין כִּתָּה. בַּיים עֶרְשְׁטְן הַפְסָקָה הָאבְּן רוֹב קִינְדֶער אִים אַרוּמְגֶענוּמֶען. אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע טֶעג זֶענֶען זֵיי גֶעוָוארְן גוּטֶע פְרַיינְט און אִים גֶעלֶערְנְט פַּארְשִׁידֶענֶע שְׁפִּילְן. טֵייל הָאבְּן אֲפִילוּ גֶעוִויזְן מֶער פְרַיינְטְשַׁאפְט און אִים דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דִי מִנְהָגִים פוּן דִי יְרוּשָׁלַיִמֶ'ער אִידְן און אִיבֶּער דִי קִבְרֵי צַדִּיקִים וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ דָארְט.

צוּבִּיסְלֶעךְ הָאט דָאס אִינְגְל אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן און שְׁמוּעֶסְן, און עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט וָואס עֶס הָאט זִיךְ גֶעטוּן מִיט אִים אִין דֶעם וַוייטְן וִוילְיַאמְסְבּוּרְג... עֶר הָאט נִישְׁט פְּרוּבִּירְט צוּ בַּאהַאלְטְן זַיין טִיפְן אַמֶערִיקַאנֶער אַקְצֶענְט. דָאס אִיז גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסַאנְט פַאר דִי קִינְדֶער, אָבֶּער נָאךְ צְוֵויי טֶעג הָאבְּן זִיךְ אַלֶע צוּגֶעוואוֹינְט און פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן.

אוֹיסֶער נֹחַ! נֹחַ הָאט שְׁטַארְק מְקַנֵּא גֶעוֶוען יוֹם-טוֹבְ'ן, וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאשָׁאנְקֶען מִיט גוּטֶע מִדּוֹת און בַּאלִיבְּט בַּיי יֶעדְן. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן מָאדְנֶע און קָאמִישׁ, נָאכְמַאכְנְדִיג יוֹם-טוֹבְ'ס אַקְצֶענְט מִיט אַן אָפֶענֶע שִׂנְאָה. אָנְפַאנְג הָאבְּן אַפָּאר חֲבֵרִים גֶעלַאכְט, אָבֶּער מִיט דִי צַייט הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן אִים און אִים אֲפִילוּ מוּסָר גֶעזָאגְט דֶערוֹיף. יוֹם-טוֹב הָאט גוּט פַארְשְׁטַאנֶען זַיין כַּוָּונָה און עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן. אִין כִּתָּה הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן קְבוּצוֹת און אַ גַאנְצֶע מַחֲלוֹקֶת הָאט זִיךְ אַנְטְוִויקְלְט, מִיט לָשׁוֹן

המשך אויף זייט 8